Rok I. Kraków, 21 maj 1909 — קראקא, ר"ח סיון תרס"ט. Nr 19

# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

Żydowska gazeta illustrowana.

Wychodzi każdego piątku.

Prenumerata wynosi: Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. = 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs

Pojedynczy egzemplarz 20 h. = 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

Jüdische Illustrierte Zeitung.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראנען, = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2,75 קראנען, = 1,50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7 50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדזקאסטר. 62. טעלעפאן נו' 412. עסטערר. פאסטשפארקאסען־קאנטא נו' 57,341.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, מיאדאווא נו' 12 פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נו' 15

הויפטפערטרעטונג פאר רומעניען: דאוויד הערצבערג, יאסי, סטר. סארא ריע נו' 151.

## קאנסטיטוציע אין פערזיען.



קאנסטיטוציע אין פערזיען: די לעצטע קעמפפע ביי טעבריז צווישען די רעוואלוציאנערע און דעם שאה'ס מיליטער.

**איגהאלט:** דאס דייטשע קאיזער־פאאר אין וויען — א יודישער באטשאפטער — פראצעס לאפוהין — פרויענבעוועגונג אין ענגלאנד — ערד־ציטערניש אין פארטוגאל — א שרפה אין כאריסלאוו — איבערשוועמונגען — די רוסישע קאיזערליכע פאמיליע — אנארכיסטען אין אינדיען — די ערייגניסע אין דער טירקיי — וועלטסמאמארד און ראפעלמארד — איבערפאל אין אייזענבאהנצוג או. ז. וו.

# קאנסטיטוציע אין פערזיען.

סוף סוף האט דער שאה פון פערזיען נאכגעגעבען און וויעדער איינגעפיהרט די קאנסטיטוציע אין זיין לאנד. געטהון האט ער עס נאטירליך נישט אוים ליעבע צו דעם פאלק, נישט אוים אנהענגליכקייט צו דער קאנסטיטוציע, וועלכע ער האט שוין אזויפיעל מאל בעשווארען און קיינמאל נישט געהאלטען די שבועה. נאר פשוט אוים מורא, ער זאל נישט כאלד אים גאנצען אראפ פונם בענקיל, גלייך זיין קאלעגע אבדול-האמיד.

אין א מאניפעסט, וועלכעס דער שאה האט ארויסגעגעבען, כעזוכט ער אין דאס פארלאמענט אויף דעם 1־טען אויגוסט.

די רעוואלוציאנערע פארטיי איז אבער מיט דעם שאה׳ם ענטשליעסונג גאר נישט צופריעדען. זיי קעמפפען ווייטער און פערלאנגען פונ׳ם שאה גוואראנציעס, אז איצט וועט ער שוין האלטען זיין שבועה.

די רעוואלוציאנערע האבען אויך ארויסגעגעבען פאלגענדען אויפרוף צו זייערע חברים:

„קעמפפער פאר פרייהייט! דער שאה מאחמעד־אלי, וועלכער האט שוין צעהנדליגער מאל נעגעבען און צוריקגענומען די קאנסטיטוציע, האט יעצט ווידער ארויסגעגעבען א מאניפעסט, אז ער שענקט א קאנסטיטוציע, דערביי האט ער בעשטימט דעם טערמין פון דער צוזאמענזאמלונג פון מעדזשילים (פארלאמענט) אויפ׳ן 1־טען אויגוסט.

צו וואס דארף דען אזוי לאנג געדויערן? דער מעדזשילים קאן דאך צוזאמענגערופען ווערען אין פערלויף פון 2 טאג!

דערפון זעהט מען אלזא קלאר, אז מאהאמעד־אלי וויל אונז געבען א קאנסטיטוציע, וועלכע וועט נישט זיין איינשטימיג מיט די פאדערונגען פון די גרונד־געזעצען, וואס זענען אויסגעארבייט געווארען דורכ׳ן ערשטען מעדזשילים.

אזא קאנסטיטוציע דארפען מיר אויף הונדערט טויזענד כפרות. און אונזערע פלענער בנוגע צו דער צוקונפט מוזען בלייבען די זעלבע וואס פריהער...

ווי עס שיינט, וועט די רוסישע רעגירונג נישט אנגעהמען דעם שאה׳ם צד. דעריבער ראטען מיר דורכאוים — נישט אויסצוזעצען דאס געווער און צו מארשירען שנעל אויף טעהעראן. לאז דער נצחון צון די יונג־טירקען אונז דיענען פאר א ביישפיעל.

די רעוואלוציאנערען שטעהען שוין קוים עטליכע מייל פון טעהעראן ענטפערנט און יעדען טאג קענען זיי די הויפטשטאדט דעררייכען, זייער אויפרוף האט איבעריגענס ארויסגערופען א שטארקע אויפרעגונג ביים שאה און זיינע ראהטגעבער...

ווער ווייסט אויב צו זיין איצטיגען נאכגעבען וועט שוין נישט זיין שפעט?

דאס ניַעסטע פערדיענסט אין דער וויעדער הער־שטעלונג פון דער קאנסטיטוציע אין פעריזען האבען די רעוואלוציאנערען פון דער שטארט טעפרים. דארט איז געוועזען זייער הויפטזיץ און אט די שטארט האבען זיי פערטהיידיגט מיט אלע כחות הדשים לאנג.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער א בילד פון דער שטארט טעבריס ווי אויך א בילד, פארשטעלענדיג די לעצטע קעמפפע ארום דער שטאדט צווישען דעם שאה׳ם מיליטער און די רעוואלוציאנערען.

די נשמה פון דער פערסישער רעוואליציאנערער בעוועגונג איז א פערסיאנער מיט׳ן נאמען סאטאר־כאן. די קארעספאנדענטען פון די גרויסע אייראפעאישע צייטונגען דערצעהלען נסים ונפלאות פון זיינע פעהיגקייטען אלס גענעראל, אלס פיהרער און אלס ארגאניזאטאר. זיי דערצעהלען וועגען זיין אונגעהייערער ליעבע צום פאלק און פון זיין איינפלוס אויף די, וועלכע געבען זייער לעבען אוועק פיר דער פערסישער רעוואלוציאן. אויב א העלפט פון דעם וואס זיי דערצעהלען אויף איהם איז אמת, איז סאטאר־כאן ווערטה צו פערנעהמען א שעהנעם פלאטץ צווישען די גרויסע מענשען פון אלע נאציאנען.



זעלבסט־מארד און דאפעל־מארד: די פערשכור׳טע מוטער ווארפט אראב איהרע צוויי קינדער און דערנאך זיך דורך׳ן פענסטער פונ׳ם צווייטען שטאק.

## דאס דייטשע קאיזער־פאאר אין וויען.

פרייטאג, דען 14 מאי איז דער קאיזער ווילהעלם פון דייטשלאנד און די קאיזערין אויגוסטא וויקטאריא געקומען קיין וויען צום בעזוך פון קאיזער פראנץ יאזעף.

קאיזער ווילהעלם איז נישט קיין זעלטענער גאסט אין וויען. זייט ער זיצט אויף דעם קאיזער־שטוהל איז ער שוין 14 מאל געוועזען אין וויען צום בעזוך.

אבער אזא עמפפאנג ווי דאסמאל האט ער נאך קיינמאל נישט געהאט. די גאנצע בעפעלקערונג האט איהם צוגעיובעלט און געפייערט, דער טאג איז געוועזען א יום־טוב פאר די וויענער.

דער בעזוך איז צוואר געוועזען א גאנץ פריוואטער, אבער ער האט בעקומען א גרויסע פאליטישע בעדייטונג דורך דעם, וואס קאיזער פראנץ יאזעף, ווי אויך די גאנצע בעפעלקערונג פון וויען האט בענוצט די געלעגענהייט, צו דאנקען דעם דייטשען קאיזער פאר זיין טריי האלטען צו עסטערייך־אונגארן אין דער שווערען באלקאן־קריזע, וואס האט געהערשט אים פערגאנגענען ווינטער.

ס׳איז דאס א היסטארישער פאקט, אז דאס עפענטליכע ערקלערען פון דייטשלאנד, עס וועט אים קריעגספאל אונטערשטיצען זיין פערבינדעטען מיט׳ן גאנצען כח, האט דערהאלטען דעם וועלט־פריעדען, די מעכטע, וואס האבען השק געהאט צום קריעג, זענען דורך דעם געצוואונגען געווארען, זיך צוריקצוהאלטען, נישט־וועלענדיג ארויסרופען א קריעג פון דער גאנצער וועלט.

דער עמפפאנג, וועלכען מען האט דעם דייטשען קאיזער־פאאר געמאכט, איז געוועזען גאר גרויסארטיג און אימפאזאנט. דער באהנהאף ווי אויך די גאסען, וואס די קאיזערליכע געסט האבען פאסירט, זענען געוועזען גרויסארטיג פערפוצט מיט בלומען, פאהנען און טעפיכען.

דער קאיזער ווי אויך אלע אין וויען וויילענדע מיטגליעדער פון קאיזערליכען הויף, האבען ערווארט די געסט ביים באהנהאף, ווען דער דייטשע הויפצוג איז אנגעקומען, איז צוערשט אויסגעשטיעגען די דייטשע קאיזערין, וועלכער קאיזער פראנץ יאזעף האט געוואלט קושען די האנד. זי האט אבער דעם אלטען קאיזער ניך ארומגעהאפט און געדרוקט א קוש אויף זיין שטערן.



אים אייזענבאהנצוג איבערגעפאלען: א מאסקירטער גוינער איבערפאלט אם אייזענבאהנצוג א פרוי.

דיזע סצענע האט געמאכט אויף אלע צוזעהער א שטאר־קען איינדרוק.

נאר הערצליך און װארים איז געװעזען די בעגריסונג פון די ביידע קייזער. עטליכע מאל האבען זיי זיך אומ־



א אמעריקאנישע ירושה: דער בעטריגער סט ארט װאשינגטאן, וואס האט ביי א וויענער דאהנארט אויסגענארט 85,000 קראָ־נען מיט דער מעשה פון א אמעריקאנישער ירושה.

געאָרמט און געקושט, דערנאך האבען ביידע גערעדט עטליכע מינוט, האלטענדיג זיך געגענזייטיג ביי די הענד מיט װאַרמקייט און הערצליכקייט.

נאך די עמפפאנגס־צערעמאניעס זענען די קייזער און זייערע בעגלייטער געפאהרען אין די האָפבורג, אויף דעם גאנצען װעג שטירמיש בעגריסט פון דער בעפעל־קערונג.

אבענדס האט שטאטגעפונען א גאלאמאהל, ביי וועלכען ביידע קייזער האבען געהאלטען פייערליכע, האָכפאָליטישע טאָאסטע. ביידע האבען דערמאנט די לעצ־טע קריזע און ערקלערט, אז נאר דעם טרייען פעסטהאל־טען אין דער אלליאנץ צווישען ביידע מלוכות, צוזאמען מיט׳ן דריטען פעראיינרעטען, איטאליען, איז צו פערדאנ־קען די ערהאלטונג פונ׳ם וועלט־פריעדען.

נאכדעם, ווי קייזער װילהעלם האט געענדיגט זיין טאאסט, נעמט ער ארום דעם קייזער פראנץ יאָזעף און קושט איהם הערצליך. דאס געשעהט אזוי פלוצים און אונערוואַרטעט, אז אלע אנוועזענדע ווערען ראפפון שטארק גערירהרט.

דעם אנדערען טאג נאכמיטאג, האט דאס דייטשע קייזער־פּאאר פערלאָזט וויען, בעגלייטעט פונ׳ם קייזער און פון אלע מיטגליעדער פונ׳ם קייזערליכען הויף.

דאס געזעגנען זיך איז געװעזען עבענזא הערצליך און װארים ווי דער עמפפאנג.

דער בעזוך האט א גרויסע פאליטישע בעדייטונג, וועלכע איז נאך גרעסער געוואָרען דאדורך, וואס צווייטען פריהער איז קייזער וילהעלם צוזאמענגעקומען מיט׳ן קעניג פון איטאליען. אויך פון וויען אויס האבען די ביידע קייזער טעלעגראפיש בעגריסט זייער דריטען פער־בינדעטען, דעם קעניג פון איטאליען, וועלכער האט גע־ענטפערט מיט א הערצליכער דעפעשע. דאס בעווייזט, אז דער דריי־בונד איז ווייטער שטארק ווי פריהער און די דריי מעכטע, דייטשלאנד, עסטערייך־אונגארן און איטא־ליען, זענען בכח, דער גאנצער וועלט צו דיקטירען זייער ווילען. דאס איז די שטארקסטע שטיצע פונ׳ם פ ר י ע־ ד ע ן.

די פרעסע פון דער גאנצער וועלט אנערקענט אויך די גרויסע בעדייטונג פון דעם קייזער־בעזוך.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער די ביל־דער פון קייזער װילהעלם און קייזערין אויגוסטא וויק־טאָריא, ווי אויך א אָריגינאַל בילד פארשטעלענדיג דעם מאמענט, ווען קייזער פראנץ יאזעף בעגריסט זיינע קאי־זערליכע געסט אויף דעם וויענער באהנהאף.

# א יודישער באטשאפטער.

פאר איניגער צייט האבען די צייטונגען געמעלדעט, אז דער ביזהעריגער האנדעלסמיניסטער אין אמעריקא, אסקאר שטרויס, איז פונ׳ם נייעם פרעזידענט וויליאם טאפט, ערנאנט געווארען צום אמעריקאנישען באטשאפטער אין יאפאן.

שטרויס אבער האט דיזע שטעלע נישט געוואלט אנגעהמען אויס פערשיעדענע טעמים.

איצט קימט ווידער די ידיעה, אז שטרויס איז ערנאנט געווארען צום אמעריקאנישען באטשאפטער אין קאנסטאנטינאפעל.

פרעזידענט טאפט האט איהם בעוועגט אנצונעהמען דיזען אמט, ווייל עס איז פון די גרעסטע וויכטיגקייט אז אונטער די איצטיגע אומשטענדען אין טירקיי זאלען די פעראייניגטע שטאאטען דארט זיין פערטרעטען מיט א פעהיגען, ענערגישען דיפלאמאט ווי שטרויס.

שטרויס האט שוין געדיענט אלס אמעריקא׳ס פערטרעטער אין טירקיי אונטער דריי פרעזידענטען, קליוו־לאנד, העריסאן און מעקינלי. דאן איז עס בלויז געוועזען דער אמט פון א געזאנדטען, אבער די בעציהונגען צווישען די צוויי לענדער זענען אונטערדעסען געווארען נעהענטערע און וויכטיגערע און איצט שיקט אמעריקא אהין שטרויס׳ן אלס אמבאסאדאר.

דער פרעזידענט האט איהם אויפמערקזאם געמאכט אז זיין לאנגע ערפאהרונג אין דיפלאמאטי און ספעציעל מיט דעם צושטאנד פון טירקיי זענען נויטיג פאר אמעריקא. שטרויס האט זיך געפיהלט פערפפליכטעט צו פאלגען דעם רוף פון זיין לאנד און האט דעם אמט אנגענומען.

שטרויס, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, איז אויך בעקאנט אלס יודישער כלל־טהוער.

# ערדציטערניש אין פארטוגאל.

אין פארטוגאל איז דא ערשט פארגעקומען א שרעקליך ערדציטערניש, די ערינערונג אין דער שרעק־ליכען קאטאסטראפע פון מעסינא, וועלכע איז נאך פריש אים זכרון האט אביסעל אפגעשוועכט דעם איינדרוק פון דעם נייעם איבערקערעניש, ווייל טאקי קעגען מעסינא זעהט דאס איצטיגע ערדציטערניש אויס ווי א קינדער־שפיעל.

אין אמת׳ן אבער איז עס געוועזען גענוג שרעקליך און האט געפאדערט פיעל מענשליכע קרבנות. בעזונ־דערס די פראווינץ עסט־עמאדעא איז דורך דער קאטאסט־ראפע פאסט אים גאנצען חרוב געווארען. אין דעם שטעדטיל בענאווענטע (פראווינץ סאנטארע) איז נישט איין הויז גע־בליעבען גאנץ, די איבערגעשראקענע איינוואהנער זענען זיך צולאפען אויף די פעלדער, וואו זיי האבען זיך אויפ־געבויט פראוויזארישע באראקען.

דער קעניג האט תיכף ארויסגעשיקט א גרעסערע סומע, די בעטראפענע צו אונטערשטיצען, אויך די רע־גיערונג האט נישט געשפארט קיין געלד; אבער עס וועלען נאך פערגעהען יאהרען, ביז די צערשטערטע ער־טער וועלען ווידער ווערען אויפגעבויעט.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער צוויי בילדער פון דעם ערדציטערניש, לויט אריגינעלע פאטא־גראפיען.



שרפה אין בריסלאו: רויך א דונער ברענט אויס א שרעקליכע שרפה אין די סיבראלעאום־שאכטע פון בריסלאו.



דאס דייטשע קאיזער־פאאר אין ווין: קאיזער פראנץ יאזעף בּגריסט זיינע געסט אם באהנהאף.

# א אמעריקאנישע ירושה.

אין וויען זענען פאָרינע וואך צוויי בּעקאנטע פער־זענליכקייטען פערהאַפטעט געוואָרען, וועגען דער בּעשול־דיגונג, אַז זיי האָבּען בּיי אַ וויענער צאַהנאַרצט ארויס־געלאַקט אַ היבּשע סומע געלד. דערצעהלענדיג איהם עפּיס אַ שווינדעלהאַפטע מעשה מיט אַ אַמעריקאַני־שער ירושה.

די מעשה איז פאָלגענדע. פאַר אַ צייט האָבּען וויענער און בּעהמישע בּלעטער געבּראַכט די ידיעה, אַז אַ געוויסער האָפּמאַן, עהעמאַליגער דעזערטער פון דעם עסטערייכישען מיליטער, איז אויף דער אַמעריקאַנישער אינזעל יאַמאַיקאַ בּיי אַ רעוואָלוציע געטעדטעט געוואָר־ען און האט איבּערגעלאַזט 73 מיליאָן ירושה פאַר זיין משפּחה. אין נאָרדבּעהמען, וואו ס'געפינען זיך האָפּמאַנ'ס קרובים, האָט די מעשה ערגעגט גרוי'ס אויפזעהען און די „יורשים" האָבּען זיך פאַר דער זאַך שטאַרק אינטערעסירט. נון איז געקומען אַ געוויסער ראַנטיסט וואַשינגטאָן צום צאַהנאַרצט דר. טויבער און האַט איהם פאָרגעלעגט גע־פעלשטע דאָקומענטע, לויט וועלכע דער פערשטאָרבּענע האָפּמאַן איז וואַשינגטאָנ'ס שוועגערפאָטער און איהם קומט אייגענטליך די ירושה. ווייל אבּער ס'פעהלט איהם דאָס נויטהיגע געלד, די ירושה צו בּעהעבּען, און ער מוז אויך צוערשט די איבּריגע קרובים בּעפריעדיגען, זיי זאָלען נישט קומען מיט זייער'ע טענות, האט וואַשינגטאָן אָבּגעמאַכט מיט דעם דר. טויבּער אַ געשעפט, אַז ער וועט איהם (טויבּערן) געבּען אַ גרויסען טהייל פון דער ירושה, ווען ער וועט איהם פאָרלייפיג לייהען די נויטהיגע סומע.

דר. טויבּער האט געלאָזט דורך דעם אַדוואָקאַ־טורס־בּעאַמטען לעוו־בּעער אין לאָנדאָן נאָכפאָרשען אויב די מעשה איז אמת. און לעוו־בּעער האט בּעשטעטיגט, אַז אַלעס איז כשר־וישר. דעמילט ניבּט ער שוין אָהן יערען צווייפעל כסדר אַזויפיעל געלד. וויפיעל וואַשינגטאָן פערלאַנגט און דיזער האט איהם פון לאָנדאָן געבּראַכט דאָקומענטע פון אַדוואָקאַטען און נאָטאַרע, וועלכע בּע־שטעטיגען נאָך אַמאָל די גאַנצע זאַך. וואַשינגטאָנ'ס בּרודער, קאַרל שטאַפּאַרד און לעוו־בּעער זענען צו דעם צוועק עטליכע מאָל געפאָהרען קיין לאָנדאָן און דר. טויבּער האט כסדר געצאָהלט די הוצאות. אויף דעם אופן האט די חברה בּיי איהם אַרויסגעלאָקט בּערך 85000 קראָנען.

צולעצט זענען זיי געקומען מיט אַ נייער טענה, אַז איצט איז נאָך נויטהיג 25000 קראָנען געריכטס־שפּעזען, דעמילט וועט מען שוין קענען די ירושה בּע־העבּען. טויבּער וואָלט אפשר אויך דיזע סומע געוועזען



דאָס דייטשע קאיזער פּאאר אין וויען: קאיזער ווילהעלם.

אויסגעפאָלגט, ווען ס'טרעפט זיך נישט נאָר'ע אַ צופאַל דורך וועלכען ס'האט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז וואַשינגטאָן איז אַ פּראָסטער שווינדלער.

א האָף־שניידער, וועלכען די בּרידער וואַשינגטאָן און שטאַפּארד זענען שולדיג געווען 2000 קראָנען, האט ערקלערט געגענאיבּער דריטע פּערזאָנען, אַז זיי זענען האָכשטאַפּלער און בּעטריגער. וואַשינגטאָן האט דעם שניידער געקלאַגט פאַר עהרענבּעליידיגונג און בּיי דער פערהאַנדלונג האט דער שניידער בּעוויעזען דורך פיעלע פאַקטען אַז זיין בּעהויפטונג איז אמת. אַז די בּרידער לעבּען אין גרעסטען לוקסוס אויף פרעמדע קאָסטען און זייער גאַנצע פּרנסה איז שווינדעל און בּעטרוג.

דר. טויבּער איז דאָפון געוואָהר געוואָר־ען און האט זיך בּעראָטהען מיט זיין אַדוואָקאַט, וואָס דאַ איז צו טהון. דער אַדוואָקאט האט זיך געווענדעט קיין לאָנדאָן און באַלד בּעקומען די ידיעה, אַז אַזעלכע אַדוואָקאַטען און נאָטאַרע, וועלכע האבּען בּעשטעטיגט די מעשה מיט דער ירושה, זענען נאָר אין לאָנדאָן נישט פאָרהאַנען, אַלעס איז געוועזען געפעלשט, מיט די אונטערשריפטען און סטאַמפּילען. דער לעוו־בּעער איז געוועזען מיטבּעטהייליגט אין דעם שווינדעל און ער האט אַלסדינג בּעשטעטיגט. וואָס די גוינער האָבּען געוואָנט.

די דריי הברה־לייט האט מען תיכף פערהאַפטעט און זיי האָבּען זיך אויך מודה געוועזען. איצט שטעלט זיך אַרויס, אַז חוץ דעם דר. טויבּער האבּען זיי נאָך אַ גאַנצע מענגע אַנדער'ע פּערזאָנען בּעשווינדעלט...

די גאַנצע מעשה ערגעגט אין וויען, וואו די שווינדלער האבּען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין דער־געזעלשאַפט, גרויס אויפזעהען.

מיר בּרענגען אין אונזער היינטיגען נומער דאָס בּילד פון דעם הויפּטשווינדלער סטואַרט וואַשינגטאָן. דערזעלבּער הייסט אייגענטליך שלעזינגער און שטאַמט פון אונגאַרן. דעם אַמעריקאַנישען נאָמען האט ער אַנגע־נומען ווייענדיג אַ צייט לאַנג אין אַמעריקאַ.

# פּרויעז־בּעוועגונג אין ענגלאַנד.

די ענגלישע פרויען, וועלכע סטענס אַ גרויסער טהייל פון זיי, ווילען דורכאויס מיט געוואַלט דורכזעצען, מען זאָל זיי אין ענגלאַנד בּעווילינען פּאָליטישע רעכטע. מען מיז מודה זיין, אַז לויט זייער אַגיטאַציע בּעווייזען זיי אַז זיי זענען טאַקי ראוי ראַצו. ווייל די אַגיטאַציע ווערט בּעטריעבּען מיט אַזויפיעל מוטה און ענערגיע, אַז די מענער וואָלטען זיך פון איהר בּעדאַרפט מאַנכעס אָבּ־לערנען.

מאַנכמאָל אָבּער גרייפען זיי אויך צו גאַנץ אָרגי־נעלע מיטלען, וועלכע רופען אַרויס די גרעסטע הייטערקייט.

אַזוי האָבּען זיי געשיקט צוויי יונגע היבּשע דאַמען אלס פּאָסט־פּאַקעטע צום מיניסטער־פּרעזידענט אַסקוויט.

די „לעבּענדיגע פּאַקעטע" האט מען געבּרענגט צו דער פּאָסט, מיט אויפשריפטען אויף דער בּרוסט, אויף וועלכע ס'איז געוועזען גענוי פערשריעבּען די אַדרעסע פונ'ם מיניס־טער־פּרעזידענט. נאַטירליך מיט אַ געהעריג אויסגעשטעל־טען און ריכטיג פראַנקירטען פראַנקאַטבּריעף...

אויף דער פּאָסט האט מען צוערשט נישט געוואוסט, וואָס צו טהון מיט אַזאַ מין מאָדנע פּאַקעט. דער דירעק־טאָר האָט אָבּער געפּסק'נט, מען זאָל די צוויי „פּאַקעטע" דורך אַ שליח־מיוחד תיכף צו שטעלען דעם אַדרעסאַט.



דאס דייטשע קאיזער־פּאאר אין וויען: קאיזערין אויגוסטאַ וויקטאָריאַ.

וכך הוה. אזוי איז אויך געשעהען. א פאסטריענער האט זי אָבגעפיהרט ביז צום מיניסטער-פרעזידענט, און געוואָלט זיי דאָרט איבערגעבען. דער דיענער פאַר׳ן טהויער האָט זי אָבער נישט געוואלט אריינלאָזען און דער פאָסט-בעאמטע איז אליין אריינגעגאנגען צום מיניסטער-פּרעזידענט און איהם איבערגעגעבען דעם פראכט-בריעף.



א יודישער באטשאפטער: אזקאר שטרויס, וועלכער איז ערנאנט געוואָרען צום אמעריקאנישען באטשאַפטער אין קאָנסטאַנטינאָפעל.

דער מיניסטער איז אין דעם ערשטען מאמענט פון די פאקעטע שטאַרק איבערראשט געוואָרען. באלד אבער האט ער זיך געפאסט און לאַכענדיג אויפגעשריעבען אויף דעם פראַכט-בריעף: „נישט אָנגענומען — רעטור“.

איצט האבען די לעבענדיגע פאקעטע געמוזט צוריקוואַנדערן צום פאסטאַמט, וואו מען האט זיי „ארויסגעגעבען“ ערשט דעמאלט, ווען דער אויפגעבער איז געקומען און אינטערגעשריעבען דעם רעצעפּיס, אז ער נעמט זיי צוריק און בעצאהלט דאס פאָרטא פאַר דער צוריקבעפערדרונג...

כדי זיך אבער נוקם צו זיין אין דעם מיניסטער-פּרעזידענט פאר זיין נישט-גאַלאנטקייט האבען איהם די שטרייטבאַרע דאַמען אבגעטהון א אנדער שפּיעצעל.

זיי האָבען איהם אָבגעוואַרט פאר׳ן פאַרלאמענט, ווען ער איז ארויסגעגאנגען אין בעגלייטונג פון זיינע קאלעגען, דעמילט זענען צו איהם צוויי דאמען צוגעגאַנגען און איהם נישט געלאָזט אוועקגעהן, ביז ער וועט זיך מיט זיי אויסטענה׳ן.



זומער-אויספלוג פון דער רוסישען קאיזער פאמיליע: קאיזער ניקאלויס, די קאיזערין און זייערע קינדער.

אסקוויט איז א גאלאנטער העדר און נישט קענענדיג די צוויי דאמען אָבוויזען, מוז ער זיך געזעגענען מיט זיינע קאָלעגען און געהן אין בעגלייטונג פון די צוויי דאַמען ביז צו זיך א היים.

געפּועלט האָבען די דאַמען נאטירליך ביי איהם גאר נישט, אויף זייערע פראגען: „ווען די רעגיערונג וועט בעווילינגען שטימרעכט פאר פרויען?“ האט ער געענטפערט מיט א געלעכטער: כ׳האָב געמיינט, איהר וועט מיך עפּיס קלענערע שאלות פרעגען... דאנעגען האט ער זיך מיט זיי גערן אונטערהאַלטען וועגען דער נייער מאָדע, וועגען דעם וועטער, טהעאַטער, מוזיק עטצ. עטצ.

* * *

עס גיבט אבער אויך פרויען אין ענגלאַנד, וואָס האָבען אַנדערע אויפגאַבען, ווי „שטימרעכט“ און „וואַהלרעכט“ צו בעקומען. זיי ווילען דיענען דער געזעלשאפט און צו דעם צוועק האָבען זיי געבילדעט א בעזונדער ווייבליך סאַניטעט-קאָרפּס. אנ׳א-ט רעטונגס-געזעלשאַפט, וואס בעשטעהט פון לויטער דאַמען, די אָפיציערע אפילו זענען אויך פרויען. דאס גאנצע קאָרפּס איז מיליטעריש אָרגאַניזירט, מיט אוניפאָרמען, פערד און וועגען, גאנץ גענוי ווי דאָס מיליטעַרישע סאניטעטס-רעגימענט.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער צוויי בילדער: איינס פאָרשטעלענדיג דער מיניסטער-פּרעזידענט אסקוויט אין בעגלייטונג פון די צוויי איינגעשפּאַרטע דאַמען, דאס צווייטע פאָרשטעלענדיג מיטגליעדער פון דעם ווייבליכען סאָניטעטס-קאָרפּס.



אַנאַרכיסטען אין איגדיען: אַנארכיסטען שליידער א אויפרייס-באָמב׳ן אין א אייזענבאַהנצוג אויף ענגלישע בעאַמטען.

וויל ליעבער שטארבען. ווי צו זיין א געפאנגענע ביי דעם פרעמדען טיראן!... אך, מיינע ברידער, מיינע ברידער!

אבער די טירקישע סקלאווינען האלטען זי צו און לאזען זי נישט ארויס. — דער אפיציער לאכט פון איהר זעהענדיג, אז זי האט זיך גאר טועה געווען, און בעפעהלט די סקלאווינען, זי שטרענג צו בעוואכען, זי זאל נישט ארויסגעהען פונ'ם צימער.

דערווייל האבען די מאטראזען אבגעשעפט דאס טירקישע שיף פונ'ם ווענעציאנישען און דאס שיף איז אוועקגעפאהרען, צו־ריקלאזענדיג דאס ווענעציאנישע שיף מיט זיינע הרוגים אין פערוואונדעטע אין מיטען שטורמישען מעער.

(פארטזעצונג קומט).

---

# זעלבסט־מארד און דאפעל־מארד.

א שרעקליך ערייגניס האט זיך געטראפען פאריגע וואך אין מיידלינג ביי וויען.

דארט האט די 32־יעהריגע פרוי פראנציסקא שאקל, דאס ווייב פון א טישלערגעהילפע, ארויב־



די ערייגניס'ע אין דער טירקיי: פרינץ בירהאן ענעדדי, וועלכע די יונגטירקען האבען פערהאפטעט, ווייל ער פלאנט א געגענ־רעוואלוציע.

געווארפען דורך'ן פענסטער פונ'ם צווייטען שטאק איהרע צוויי קליינע קינדער און דערנאך זיך זעלבסט. אלע דריי זענען געבליעבען ליגען אויף דער גאס טויט.



קאנסטיטוציע אין פערזיען: די שטאדט טעבריס, דער הויפטזיץ פון דער רעוואלוציע.

די פרוי איז געווען א געוואהנהייטס־טרינקערין. וואו זי האט נאר בעקומען א העלער, פלעגט זי איהם תיכף איבערטראגען אין שענק. אזוי אז די פאמיליע פלעגט אפט ליידען הונגער.

איהר מאן, א בראווער ארבייטער, האט פון איהר געליטען די גרעסטע צרות. עס פלעגט אפט קומען צווישען זיי צו שלעגערייען און קריגערייען.

שליעסליך האט ער די פרוי איבערגעגעבען אין די משוגעים־אנשטאלט אין שטיינהאף, ווייל די טרונקזוכט איז שוין ביי איהר געווארען א נארישע שגעון. דארט איז זי געווען א צייט לאנג. דערנאך האט מען זי ארויסגעלאזט אלס געהיילט.

און טאקי א צייט איז זי געווען גאנץ רוהיג און ס'האט אויסגעזעהן, אלס אויב ס'איז ווידער אלעס אין ארדנונג. אבער נאך עטליכע חדשים האט זי זיך ווידער גענומען צום טרונק און גיז וואס אמאל ערגער געווארען. זי האט פערקויפט און פערזעצט אלעס, וואס איז געווען אין שטוב, כדי איהר פערלאנגען נאך אלקאהאל צו בעפריעדיגען. די קינדער פלעגען ליידען הונגער; די פערשכורטע מוטער האט עס אווי ווייט געטריעבען, אז זי פלעגט ביי די שכנים בעטלען ברויט פאר די קינדער און ווען מען האט עס איהר אויס רחמנות געגעבען, פלעגט זי עס אבטראגען אין שענק אריין.

פאריגע וואך האט זי פערברענגט א נאכט ציעמליך רוהיג. דער מאן איז זעהר צופריעדען געווען און איז גאנץ פריה ארויס געגאנגען צו זיין ארבייט. זי האט איהם בעגלייט ביז צו דער טראמוואי און זיך מיט איהם גאר פריינדליך געזעגנט. ער איז איבער דעם שינוי זעהר צופריעדען געווען.

אבער אין א שעה שפעטער איז מען געקומען אין די פאבריק, וואו ער ארבייטעט, איהם מעלדען די שרעקליכע נאכריכט, אז זיין פרוי האט ארונטערגעווארפען די צוויי קליינע קינדער און דערנאך זיך זעלבסט דורך'ן פענסטער פונ'ם צווייטען שטאק אויף דער גאס און אלע דריי זענען געבליעבען טויד.

די טהאט איז געשעהען פלוצים. איין קינד האט נאך געהאלטען א שטיקעל פערדארט ברויט אים מויל. ווען די פערשכורטע האט עס ארונטערגעווארפען און דער־הרג'עט.

שכנים זענען זיך באלד צוזאמענגעלאפען און געפרובט ווענינסטענס די קינדער ראטעווען, אבער ס'איז שוין געווען צו שפעט... אלע דריי זענען תיכף געבליעבען טויד.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער א אריגינאל בילד, פארשטעלענדיג דעם מאמענט, ווען די שרעקליכע טהאט געשעהט.



ערדציטערן אין פארטוגאל: סצענעס פון דעם ערדציטערניש.

# זומער־אויספלוג פון דער רוסישען קאיזער־פאמיליע.

זיבען עטליכע יאהר־ען האט די רוסישע קאיזערליכע פאמיליע נישט פערלאזט רוסלאנד.

די אויפרעגונגען פון די לעצטע יאהרען זייט דעם רוסיש־יאפאנישען קריעג און די אינערע פערוויקלטע לאגע אין רוסלאנד האט דעם צאר און זיין פאמיליע צוריקגעהאלטען אין דער רוסישען הויפטשטאדט, איער וועגינסטענס אין דעם נאהענטען שכנות פון איהר.

ערשט איצט, נאכדעם ווי ס'איז אין רוסלאנד א ביסעל שטילער געווארען, הערט זיך, אז דער צאר מיט דער צארין און זייערע קינדער וועלען אונטערנעהמען א זומער־אויספלוג קיין אויסלאנד, וועלכער וועט דויערן עטליכע חדשים.

ביי דער געלעגענהייט וועט אויך פאר־קומען א בעגעגנונג צווישען קאיזער ניקאלויס און דעם פראנצעזישען פרעזידענט פאלליער, ווי אויך א בעגעגנונג מיט דעם דייטשען קאיזער און מיט'ן קעניג פון ענגלאנד.

ס'איז אויך מעגליך, אז איצט וועט שטאטפינדען דער בעזוך פון צאר ניקאלויס אין רוים, וועלכער שטעהט שוין פאר זייט עטליכע יאהר און איז כסדר וועגען די פאליטישע פערהעלטניסע פערשאבען געווארען.

עטליכע וואכען וועט די קאיזערליכע פאמיליע זיך אויפהאלטען אין דארמשטאדט ביי די עלטערן פון דער קאיזערין.



פרויענבעוועגונג אין ענגלאנד: דאס וויבליכע סאניט.־טב־קארפס.

אין ענגלאנד האט די ידיעה וועגען דעם נייעסטען אטענטאט ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג. געגען מענשען, וואס זייער לעבען איז ביי זיי נאר נישט גער־אכטעט, אפי' זיך נוקם צו זיין אין זייערע פיינד, איז זעהר שווער צו קעמפפען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א ארי־גינעל בילד. פארשטעלענדיג דעם מאמענט, ווען דאס אנארכיסטישע אטענטאט געשעהט.

# איבערשוועמונגען.

נאך די גרויסע איבערשוועמונגען, וואס זענען פארגעקומען דיעזען ווינטער אין דייטשלאנד און אין בעהמען; נאך די איבערשוועמונגען, וועלכע מיר האבען ערשט פאר עטליכע וואכען דערלעבט אין ווארשא און אין דער ווייכסעל־געגענד. זענען פאר־יגע וואך ווידער פאר־געקומען גרויסע איבערשוועמונגען אין גאליציען, און ציוואר אין פערשיעדענע געגענדען.

בעזונדערס גרויס זענען געוועזען די איבערשוועמונגען אין פאדוואלטשיסקא, אין דראהאביטש, אין פשעמישל, א. ז. וו. אין עטליכע ערטער האט מען געמוזט רופען מיאנירע צו הילף, ווייל פיעל הייזער און בריקען האבען געדראהט, איינצושטירצען.

אין דער געגענד פון קראקא איז די ווייכסעל אזוי געשטיגען, אז ס'האבען קוים געפעהלט עטליכע צענטי־מעטער. און ס'וואלט פארגעקומען א געפעהרליכע איבער־שוועמונג. מען האט שוין געמאכט אלע נויטהיגע הכנות, כדי אים נויטהפאל צו קענען העלפען, אים לעצטען מאמענט אבער האט דאס וואסער נאכגעלאזט און איז ביסלעכווייז אבגעפאלען.

דאגעגען האט די ווייכסעל אין דער געגענד פון ווארשא אויך דאסמאל אנגעמאכט גרויסע חורבות. דער שאדען איז איבערהייער גרויס. פון דער דריטען ווייכסעל־בריק איז א שטיק אבגעריסען געווארען, אויף דער פאר־שטאדט „פאווישלא" זענען די בעוואהנער ארומגעפאהרען אויף שיפליך, ווי למשל אויף דעם קאנאל אין וועגדיג.

די איבערשוועמונגען. פון וועלכע מיר ברענגען צוויי אריגינעלע בילדער אין אונזער היינטיגער נומער. זענען פעראורזאכט געווארען דורך די זעלטען גרויסע רעגענס.



פראצעס לאפוחין: לאפוחין און אזעוו די העלדען פון דעם פראצעס.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד פארשטעלענדיג די גאנצע קאיזערליכע פאמיליע פאר דעם שלאס אין צארסקאיע סעלא ביי פעטערסבורג.

# אנארכיסטען אין אינדיען.

די ידיעות פון אינדיען לויטען כסדר ערנסטער און נישט־אנגענעהמער פאר דער ענגלישער הערשאפט.

די 300 מיליאן אינדיאנער. נישט קענענדיג זיך לעת־עתה בעפרייען פון דעם ענגלישען יאך, גרייפען זיי צו דעם געפעהרליכסטען מיטעל: צום אנארכיזמוס, כדי די ענגלישע אונטערדריקער צו רעדקוטשען.

מיר האבען פאר נישט לאנג געמעלדעט איבער אנארכיסטישע אטענטאטע געגען ענגלישע ריכטער אין אינדיען.

איצט קומט די ידיעה וועגען א נייעם זאלכען אטענטאט. און צוואר איז עס געשעהען אין א אייזען־באהן־וואגאן אין וועלכען ס'זענען געפאהרען עטליכע ענגלישע בעאמטע.

אין מיטען וועג האט פלוצים א אינדישער אנא־כיסט. וועלכער איז געזעסען אין דעמזעלבען וואגאן, גע־שליידערט א אויסרייס־באמבע. אלע רייזענדע זענען אויפ'ן א־ט צעריסען געווארען אויפ'ן שרעקליכסטען אופן; ראו־ונטער אויך דער אנארכיסט...



פרויען־בעוועגונג אין ענגלאנד: צוויי פרויענרעכטלערינגען בעגלייטען דעם מיניסטער־פרעזידענט אסקוויט פונ'ם פארלאמענט.

ו.יעדער דער אבערסט בעמערקענדיג בערטיטע'ס פערלע־נעגהייט. שוין אין א ניטישקע ווייכען טאן. „צו לערנען זיך שי'סען, כּדי צו קענען בשעת מלחמה נוכר זיין דעם שונא", ענפערט בערטישע. שוין א פיסעל רוהיגער, וואָרין אין אמת אריין איז דאך דער שכל הישר אויך אזוי מחייב.

דער אבערסט דריקט די שפארען, מיט א צופ־יע־רענעם שמייכעל. דער שימעל שטעלט זיך אויף די הינ־טערשטע צוויי פוס, און מאכט „קעהרט־אייך" צוריק צו בנציון'ען. „זי זינד יא ליטעראט, ווי?" אין בנציון'ען וואקסט דאס האַרץ פאר שמחה און ענפערט מיט א ברייטען „יא!" „וואצו ברויכען זי דאס געוועהר?" פרעגט ווייטער דער אבערסט אויפגערעגט אויף דעם הוצפה'דיגען „יא" שוין אין א שט־ענגען רעכט מיליטערישען טאן. רעהרענדיג די דאזיגע הערטער, האט בנציון זיך שוין טאקי נישט געקענט איינהאלטען פון א שמייכעל. ווי איינער רעדט: ציפריעדען, ווילסט כ'זאל נישט עגזעצירען נאר גענק פאר מאניפולאנט? יישר כח, צופריעדען, און געחאפט טאקי מיניה וביה דאס געוועהר און — פאשאל, א שליידער אוועק...

קאלטער שווייס האט אונז אלעמען בעדעקט. הענד און פוס האבען אנגעהויבען ציטערן, די אפיציערע זענען געווארען בלאס ווי דער טויט. און דער אבערסט האט א געשריי געטהון מיט כעס: „די הערדען אפיציערע!!"

פעלשטיי, אלעזר בערנשטיין.

---

וועגען שבועות וועט די נעכסטע נומער 20 פון דער „יודישען אילוסטריר־טען צייטונג" ערשיינען שוין קינפטיגען מאנטאג און וועט דיענסטאג זיין צו בע־קומען ביי אלע פערשלייסער.

---

# א פרעמיע פאר אונזערע אבאנענטען!

## א רייזע קיין ארץ-ישראל

איז דאס אידעאל פון יעדען יוד! יעדען יוד וויל זיך בעזוכען דאס היילינע לאנד, וואו דאס יודישע פאלק האט פערלעבט זיינע בעסטע יאהרען זיין גליקליכע פערגאנגענהייט, און וואו עס ליעגט אויך די צוקונפט פון כלל-ישראל. דארט וואו יעדער שטיין, יעדער בערג און יעדער טהאל איז פול מיט היסטארישע זכרונות פון אונזער געשיכטע און פון אונזער טראדיציע.

ביי די איצטיגע פאַרטגעשריטענע פערקעהרסמיטעל איז אזא רייזע נישט מעהר פערבונדען מיט בעזונדערע שוועריגקייטען, ווי אין אלטע צייטען; זי איז פיעלמעהר א פערגניגונגס־רייזע אין אמת'ן זין פון'ם וואָרט, פערגניגונגס־רייזע פאַר'ן גייסט און פאַר'ן גוף.

און עס מעהרט זיך אויך אין דער לעצטער צייט די צאהל פון די יעני־נינע וואס פאהרען קיין ארץ ישראל, בעזוכען די היילינע ערטער פון דער פערגאנגענהייט, און די יודישע קאלאניעס, די הערליכע בילדער פון דער צוקונפט.

די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג", וועלכע האט אין דער קורצען צייט פון איהר בעשטעהען געוואונען אזוי פיעל פריינד און אנהענגער צווישען יודישען לעזער־פובליקום, וויל אויסדריקען איהר דאנקבארקייט פאר דיעזע אנהענגליכקייט, אויסשרייבענדיג אלס א בעזונדערע פרעמיע פאר איהרע יעהרליכע אבאנענטען

## א בחנס'דיגע רייזע קיין אר"ץ ישראל און צוריק.

דאס רעכט אויף דיעזער פרעמיע האבען אבאנענטען, וואס אבאנירען דאס בלאט דירעקט ביי דער אדמיניסטראַ־ציע אויף א גאנץ יאהר און צאהלען איין דעם פולען אבאנע־מענטס־פרייז.

יעדער פון דיעזע אבאנענטען בעקומט א לאז מיט א נומער, און א בעשטימטען דאטום, וועלכעס וועט שפעטער בעקאנטגעגעבען ווערען, וועט שטאטפינדען א ציעהונג, און וועמעס לאז ס'וועט געוואונען, דער וועט בעקומען בחנם א

### רייזע־קארטע קיין אר"ץ־ישראל און צוריק פון זייז וואהנארט אויס.

די קארטע וועט נישט האבען קיין בעשרענקטע צייט, מען וועט אויף איהר קענען פאהרען ווען מען וועט וועלען; זי וועט אויך נישט זיין אויסגעשטעלט אויף א בעשטימטען נא־מען; מען וועט זי קענען אבטרעטען וועמען מען וועט וועלען.

די רייזע וועט זיין אין עסטערייך־אונגארן דורך טריעסט, אין רוסלאנד דורך אדעס, אין רומעניען דורך קאנסטאנ־צא, אין אנדערע לענדער דורך דעם האפען, וואס איז אם נאהענסטען צום וואהנארט פון דעם געוואונער פאן לאז.

די פערלאזונג וועט געשעהען עפענטליך, אונטער טהייל־נאהמע פון בעקאנטע יודישע פערזענליכקייטען. יעדער אבא־נענט וועט אויך האבען דאס רעכט, צו זיין אנוועזענד ביי דער ציעהונג. וואס איהר צייט וועט רעכטצייט בעקאנט געגעבען ווערען אין אונזער צייטונג.

דאס רעכט אויף די לאזע האבען אויך די ביזהעריגע יעהרליכע אבאנענטען, דיעיעניגע, וואס האבען דאס בלאט אבאנירט בלויז אויף א פיערטעל אדער א האלב יאהר, קענען איצט צוצאהלען דעם רעשט און זיי וועלען עבענפאלס בעקו־מען דאס רעכט אויף טהיילנאהמע אין דער פערלאזונג.

מיר האפען, אז דיעזע פרעמיע וועט געפינען די אנערקענונג פון דעם יודישען לעזער־קרייז און וועט אונז ערמעגליכען, דיעזעלבע עפטערס צו ווידערהאלען.

די רעדאקציע.

# פראצעס לאפוחין.

אין פעטערסבורג איז פאריגע וואך פארגעקומען דער פראצעס קעגען דעם געוועזענעם פאליציי־דירעקטאר לאפוחין, וועלכער איז בעשולדיגט געווארען, אז ער האט עם פערראטהען די סאציאל־רעוואלוציאנערען. או זייער פיהרער אזעוו איז צוגלייך א פערט־ויענסמאן פון דער רוסישער געהיים פאליציי און ער זאגט איהר אויס אלע סודות פון די רעוואלוציאנערען.

די מעשה־אזעוו האט מיט עטליכע חדשים צוריק אויפגערעגט די גאנצע וועלט. אזעוו איז דורך עטליכע יאהר געווען דער הויפטפיהרער פון די רוסישע רעוואלו־ציאנערען און האט ארגאניזירט אלע אנפאלען און אלע טעראריסטישע טהאטען.

צו גלייכער צייט אבער פלעגט יעדען אלעס פער־ראטהען דער פאליציי, כדי די טעראריסטישע אקטען צו פערהיטען, און דאס איז אויך געווען די אורזאכע, וואס די מייסטע רעוואלוציאנערע פלאנען זענען נישט געלונגען.

לאפוחין, אלס דירעקטאר פון פעטערסבורגער פאלי־ציי־דעפארטאמענט, האט נאטירליך געוואוסט פון אט דער ראפעל־א־בייט אזעוו'ס און ער האט די רעוואלוציאנערען מודיע געוועזן, ווער אזעוו איז און וואס ער טהוט.

אזעוו איז פארגעלאדען געווארען פאר א פארטיי־געריכט אין פאריז. פאר וועלכען ער האט געמוזט זיך אבצוזאגענען פון ם פאַ־דאכט. זעהענדיג אבער אז ער שטעהט שלעכט, איז ער אין מיטען דער נאכט געלם געווארען און ביז היינט ווייסט מען נישט, וואו ער איז.



עראייגניסע אין דער טירקיי: דער שייך־אול־איסלאם פאר זיין וואהנונג.

ראנעגען איז עס ארויסגעקומען, אז לאפוחין האט איהם אויסגעגעבען און האטשי לאפוחין איז א דווריאן, א אדעלינער פון דעם העכסטען אריסטאקראציע און זיין פאמיליע פערנעמט ביים רוסישען א־על דעם גרעסטען ראנג (ער שטאמט אב פון'ם רוריק, דעם גרינדער פון רוסישען רייך), האט דאך די רעגיערונג בעשלאסען, איהם צו פערהאפטען און צו משפט'ן אהן שום ריקזיכט.

עטליכע חדשים איז לאפוחין אבגעזעסען אין אונטערזוכונג און פאריגע וואך איז פאר־געקומען זיין פראצעס.

אלס עדות זענען געווען געלאדען פיעל בעקאנטע פערזענליכקייטען, ווי דער געוועזענער מיניסטער פון אינערן פירסט סוויאטאפאלסק־מירסקי, גראף וויטע און אנדערע.



די עראייגניכע אין דער טירקיי: יונגטירקען אויף אין עפענטליכע גאסען זייערע געגנער.

די פערהאנדלונג האט געדויערט דריי טעג און ס'האבען איהר בייגעוואהנט די פערטרעטער פון די העכסטע רוסי־שע קרייזען. אבער די סענזאציעס, וועלכע מען האט ער־ווארטעט, זענען נישט געמאכט געווארען, דער פארזי־צענדער פון געריכט, סענאטאר ווארווארין, האט דעם פראצעס געפיהרט זעהר שטרענג און דעם אנגעקלאגטען נישט דערלאזט דערצעהלען זייטיגע זאכען, מען איז איבערדעם נישט געוואהר געווארען איבער דער גאנצער מעשה־אזעוו מעהר ווי מען האט שוין פריהער געוואוסט.

לאפוחין האט זיך פערטהיידיגט, אז וויסענדיג, ווי אזעוו נעמט אליין אויך אנטהייל אין פיעל טעראריסטישע אקטען, האט ער עס געהאלטען פאר זיין חוב, איהם אונשעדליך צו מאכען.

אלס לאפוחין'ס פערטהיידיגער איז אויפגעטרעטען איינער פון די טיכטיגסטע פעטערסבורגער אדוואקאטען, דער יוד פאסאווער. פאסאווער איז שוין עטליכע יאהר נישט אויפגעטרעטען עפענטליך און זיין איצטי־גע ארויסטרעטען איז געווען א געוויסע סענזאציע. מען דער־צעהלט זיך, אז פאסאווער וואלט בעקומען א האלבע מיליאן רובעל האנאראר. ווען ס'וואלט איהם געלינגען, לאפוחין צו בעפרייען. מען ווייסט אויך, אז פאסאווער נעמט נישט איבער קיין שום פערטהיידיגונג, אויב ער איז נישט זיכער, אז דער אנגעקלאגטע וועט ווערען בעפרייט.

דאס מאל איז איהם אבער נישט געלונגען. דאס געריכט האט ארויסגעגעבען פערהעלטניס מעסיג זעהר א שטרענגען אורטהייל! לאפוחין איז פערורטהיילט געווא־רען אויף 5 יאהר קאטארגע (צוואנג־ארבייט).

דאס אורטהייל האט געמאכט א גרויסען רושם. קיין מענש האט ערווארטעט אזא שווערע שטראף. מען רעכענט אבער, אז אזוי ווי לוחאפין איז א דווריאן, מוז זיין פערורטהיילונג פארגעלעגט ווערען דעם צאר צום בעשטעטיגען, און ער וועט בעגנאדיגט ווערען. אויב דיזע האפנונג וועט זיך בעשטעטיגען, וועט זיך ארויס־ווייזען שפעטער.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומר די ביל־דער פון לאפוחין און אזעוו, די צוויי פערזאנען, וואס האבען אין די לעצטע חדשים אזוי פיעל בעשעפטיגט די וועלט.

# א שרפה אין באריסלאוו.

פאר צוויי יאהר האבען זיך דורך א בליץ אנגע־צינדען עטליכע פעטראלעאום־גרובען אין באריסלאוו, וועל־כע האבען געברענט דורך עטליכע וואכען און עס האט געקאסט זעהר פיעל מיה און אנשטרענגונג, דאס פייער צולעשען.

דאס זעלבע שוישפיעל האט זיך דא איצט ווי־דערהאלט, נאר אויף א ביסעל קלענערעם אופן.

דיענסטאג, דען 4 מאי געגען 10 א זייגער אבענדס האט א בליץ אנגעצינדען דעם שאכט „פ־עמיער“, איינע



איבערשווועמונגען: בילדער פון דער איבערשוועמונג אין ווארשא.

האפיא

פאסטא דא בוציקווו — יעסט נאילעפשא מארקא.
פאסטא דא מעטאלי — אזנאנא פרזעז פאוואני פאכאווע.
זשאנראץ ושענדזשיע וויראושניע טילקא וויראבו ז נאפיסעם פירמי
S. HOF W KRAKOWIE

# הומאר און סאטירע.

פון י. קור, פשעמישל.

### א מיטעל צו מיוז

א רייזענדער וועלכער איז געוועזען בעקעסטיט א פאאר טאג אין א האטעל, האט איהם דער האטעליער פארין אבריייזען, דערלאנגט א רעכנונג אויף 13 פלארין מיט קרייצערס. איהם האט די טייערע בערעכנונג בעטראפען, נישט האבענדיג — אבער — א אנדערע ברירה, האט ער דעם בעטראג — לויט וואונש — בעצאהלט. אלס ער האט זיך געזעגענט, האט איהם דער האטעליער געבעטען, אז ביי געלעגענהייט אין דיזע שטאדט נאכאמאל צו זיין זאל ער ביי איהם לאזשירען. — אמת — האט דער רייזענדער געזאגט. — ביי אייך וואלט זעהר גוט געווען צו לאזשירען, נאר מ'קען אבער א נאכט קיין אויג צומאכען, דורך דעם קלאפען פון די עכברים. — וואס פאר א מיטעל האט איהר דערצו? — האט דער נאסטאוירט נייגיעריג געפרעגט? — א בעריהמט מיטעל קאן איך אייך געבען! אך! איך וועל אייך תמיד דאנקבאר זיין! זאגט מיר, איך בעט אייך, האט דער ווירטה מיט ערדענטהייט פערלאנגט. — ווייזט זיי אייער רעכנונג אט וועט איהר זעהען, ווי זיי וועלען פון אייך אנטלויפען ווי פאר א קאטער...

### א נוטער איינפאל.

א יונגע־מאן האט זיך בעקלאגט פאר א ר׳ב אז זיין שווער — דער דארפסמאן — האט נישט געהאלטען די הבטחה, וואס ער האט איהם צוגעזאגט קודם החתונה. „וואס האט ער אייך פערשפ־אכען? האט דער ר׳ב געפרעגט — ער האט מיר צוגעזאגט קעסט און נישט נעגעבען. נעגעבען האט ער מיר א קוה, און תיכף ומיד צוגענומען, והעולה על כלנה, ער האט מיר גוט אנגעקלאפט די ביינער! ע״פ דית האט דער רב געזאגט: ברויך ער אייך בעצאהלען 24 גולדען. — וואס פאר א מין חשבון איז דאס? האט דער יונגערמאן געפרעגט. די הלכה שטעהט בפירוש אין די קרבנות: „הקשט שנים־עשר“. פאר די קעסט 12 ר״כ, „וקילופה שלשה“ פאר די קלעפ 3 ר״כ, „וקינמון תשעה“ פאר די קיהצונעמען 9 ר״כ. איז אלזא דער סך־הכל 24 ריינישכסף...

### א קל־וחומר.

א ישיבה־בחור האט אמאל געזאגט: מה־דאך אז מען לעגט זיך אויף איין פעדער איז הארט... פשיטא, אז מ׳לעגט זיך אויף א סך פעדערן איז דאך בוראי הארט. איז נישט פשוט א שטות וואס מ׳שלאפט אויף קישענס מיט פערענים...

### א ממה־נפשך.

א ישיבה־בחור האט אמאל ביינאכט אויפ׳ן געלעגער געהערט א שארכעריי. האט ער בנשימה־אחת געשריגען: פשיק! פשיק! גיוואלד! גיוואלד! שמע ישראל: שמע ישראל!... אלס מ׳האט איהם געפרעגט די כונה פון די ווערטער, האט ער געענטפערט מיט א גמרא־ניגען: „ממה נפשך“ איז דאס געוועזען א קאץ... פשיק פשיק! איז דאס געוועזען א גנב: גיוואלד! גיוואלד! איז דאס געוועזען א שד: שמע ישראל!

### כצפיחית בדבש.

א מלמד האט געלערנט מיט א יונגעל די „סדרה בשלח“; כצפיחית בדבש, אזוי ווי אין האניג. ווי אזוי איז דער טייטש כצפיחית אליין? האט דאס יונגעל געפרעגט. גראבער יורקע! האט זיך דער מלמד צעשריגען, וואס ווייסט דו נישט? כצפיחית־כדבש ווי אין האניג! דאס איז דאך אבער צוויי בעזונדערע ווערטער? האט דאס יונגעל געפרעגט? אוי די איוואן שט... וויפיעל מאל זאל איך דיר זאגען? דו האסט געלערנט, אז בשעת די יודען זענען ארויס פון מצרים, און זיי זענען געוועזען 40 יאהר אין דער מדבר האבען זיי געגעסען „מן“ וואס האט געהאט א טעם „כצפיחית בדבש“, מילא דאס אליין ווייס איך, האט דער תלמיד געזאגט, איך פרעג דאך אייך אבער די בעדייטונג פון כצפיחית זעלבסט! — אוי, האט דער מלמד פארקנייטשט דעם שטערן, דו פרעגסט מיך כצפיחית אליין? אט אזוי רעד! וועל איך דיר זאגען. כצפיחית?? כצפיחית?? האט דער מלמד געקלערט. מוז עפעס זיין א מין „צפיחית־לי“ וואס דאס וואקסט אין די ווארימע לענדער...

### בעשווינדעלט.

קויפער: פערד־גנב! דו האסט מיך בעשווינדעלט, האסט מיר א בלינד־פערד פערקויפט?

הענדלער: וואס האסטו געוואלט, ער זאל לעזען צייטונג.

### א גרויסער פרייז.

| | |
|---|---|
| ערשטער גנב: | וואו האסטו דערטאפט אזא שעהנעם ראק? |
| צווייטער: | ביי א פעדלער. |
| ערשטער: | וויפיעל קאסט ער דיך? |
| צווייטער: | פיער וואכען געפענגניס... |

### א פלאש־וואסער.

די וועלט דערצעהלט: אז עזור מארשאליק האט אמאל געפראוועט א חתונה ביי זיין טאכטער. אלס ס׳איז געקומען צום עסען האט ער אנידער געשטעלט אויף׳ן טיש א פלאש וואסער. אלס דער עולם האט געפרעגט פאר וואס ר׳האט אנידער געשטעלט א פלאש־וואסער, האט ער זיי ערקלערט: בעת איך בין געגאנגען קויפען פלייש האט מיר דער קצב געזאגט, ער האט פלייש נאר שמאלץ׳. נו האב איך מיך בערעכענט מסתמא איז דאך שמאלץ בעסער. איך נעה קויפען שמאלץ, זאגט דער קרעמער: עפיס א שפאס, איך וועל אייך געבען שמאלץ לויטער בוימעל. ביז איך שוין געגאנגען קויפען בוימעל. זאגט דער סוחר: איך האב בוימעל נאר וואסער. מסתמא — האב איך געטראכט — איז וואסער דאס בעסטע, לכן האב איך געשטעלט א פלאש וואסער...

## גראטולאציע.

מענדל מערמעלשטיין אונד פרוי גראטוליערען הערצליך דוד מערמעלשטיין צו זיין פערלאבונג מיט פרל. ראזא קלונמאן אוים טורקא.

הנני מברך בברכת מזל את ניסי דוד מערמעלשטיין לארוסיו עם העלמה ראזא קלונמאן מטורקא.
עבער דוד פיקסלער.


# פרעמיעם

פאר די אבאנענטען פון דער

## „יודישען אילוסטרירטען צייטונג“.

א) ווער עס אבאנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג“ דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע אין קראקא וועניגסטענס אויף א האלב יאהר, אריינשיקענדיג דאס געלד אים פאראויס, בעקומט די נאכשטעהענדע 15 העפטע פון דעם בעריהמטען, האכשפאנענדען דעטעקטיוו־ראמאן „מאקס שפיצקאפף“ (יודישער שערלאק האלמעס), וועלכע קאסטען צוזאמען 3 קראנען, בלויז

### פאר 1 קראנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

יעדעם העפט ענטהאלט א גאנצען אבגעשלאסענע האכשפאנענדע ערצעהלונג, קיין פארטזעצונג, מיט א שענער אילוסטראציע.

די העפטע ענטהאלטען פאלגענדע ערצעהלונגען:

1) גערויבט צו דער שכה...
2) באנקנאטען פעלשער.
3) עלילת דם...
4) א רעטהזעלהאפטער מארד.
5) דער שמוגגלער...
6) דאס געפעלשטע טעסטאמענט.
7) דער שפיאן.
8) דער מערבען הענדלער.
9) דער באנק־איינברעכער.
10) די קינדער־מערדערין.
11) דער טויטען־גרעבער.
12) דאס געהיימניס פון א מיליאנער.
13) די דערטרונקענע כלה.
14) דער מיסיאנער.
15) די נאכטוואנדלערין.

ב) אנשטאט דיזע העפטע קען מען אויך בעקומען די פאלגענדע וויכטיגע ספרים פון דעם גרויסען ודישען געלעהרטען דר. ש. רובין:

א) תהלת הכסילים, ב) ספור יצירת העולם, ג) שני לוחות הפילוסופיה.

וועלכע קאסטען 4 קראנען, בלויז

### פאר 1.50 קראנע.

(חוץ 30 העללער פארטא)

ג) ווער עס אבאנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג“ אויף א גאנץ יאהר און בעצאהלט אים פאראויס, בעקומט ענטוועדער די 15 העפטע מאקס שפיצקאפף אדער די ספרי דר. רובין

### גאנץ אומזיסט.

די אבאנענטען ברויכען נאר צו שרייבען, וועלכע פרעמיע זיי ווינשען: האלב יעהריגע אבאנענטען ברויכען גלייכצייטיג צוצושיקען דאס געלד פאר דער פרעמיע.

לעצטע דריי פארשטעללונגען.

# ריעזענצירקוס געברידער ווילאנד (פּאָרמאַלס ערנסט רענץ)

אין קראקוי, דיעטעלסגאססע (נעבען דעז שולבאראקען).

מיטוו. ד. 19 מאי 8 א זייגער אבענדס, דאנערסטאג 20 מאי 4 א זייגער נאכמיטאג און 8 א זייגער אבענדס

לעצטע גרויסע אבשיעדס־פארשטעלונגען מיט אינטערעסאנטען פראגראם.



Odznaczona na Wystawie Jubileuszowej we Lwowie w październiku 1908.

najwyższem odznaczeniem Grand Prix

**Pierwszy krajowy, hurtowny i częściowy**

## Skład Gramofonów

# Józefa Wekslera

| we Lwowie | w Krakowie |
|---|---|
| Sykstuska 2 | Grodzka 71 |
| Telefon 2039/II | obok Wawelu |



**Jeneralne zastępstwo**
**Towarzystwa Ack. Gramofonów**
z marką »PISZĄCY ANIOŁEK«

TRADE MARK
GRAMMOPHON

poleca swoje stanowczo bez szmeru najlepiej grające Gramofony, oraz płyty zmarką »Piszący Aniołek«, uznane przez pierwszorzędnych znawców za najlepsze i najtrwalsze.

**20.000** płyt polskich, ruskich i żydowskich zawsze na składzie. **20.000**

**KORZYSTNA WYMIANA PŁYT**

Części składowe i warsztaty reparacyjne na miejscu

**Gramofon koncertowy z 10 płytami 60 K.**

Przeróbka lub zamiana Pathefonów na gramofony, oraz wielki wybór Pathéfonów i płyt.

Cenniki darmo i opłatnie.

# גינסטיגע געלעגענהייט.

פאו איינער זילבער עם בינא-זילבער פאבריק בין בעאויפטראגט איהרע ערצייגניססע צו סאנקורענצפרייזע ופארט /אם צו שלאגען. פערקויפע ראהער 2 לייכטער 21 צמ׳ם הויך 4 מר, — 32 צמים 5.20 קר. 36 צמ"ט 5.70 קר — 2 לייכטער געפרעסט קוואדראט 30 צמ׳ט 7 20 כר. — 36 צמ"ט 9.50 קר. — בערלינער פאטאז נומר 421 בלאס 15.50 קר, — נאבעל, טעסער לעפפעל פער שטיק 1.05 קר.— קאפפע־לעפעל 50 הלר, פרובט־קערב 2 קר. — פאסטעל דאפפעלט 1.30 קר. — נעוויר־צראזע 1.10 קר. — 2 פאטענט קערצענהעלטער 60 הלר. זילבער פוטצפולווער 20 הלר.

קידוש בעכער עכט זילבער אמטליך פונצירט 4.50 קר. — ליקערבעכער זילבער 1.40 קר — דאפפערט ואלצפאסטעל זילבער 8.50 קר. — זילבער עסבעשטעק 9 הלר. פער גראם ליכטער זילבער 10 ביז 11 הלר. פער גראם. צוקערצאנגע זילבער 3.85 ק. פאטענט ראסקאסף איהר נאראנטירט מיט קעסטע פערגאלדעט 3.20 קר. פארניטורען פיר אוהרמאכער. ווירד ביא געלעגענהייט צום ענגראפרייז קאסטענלאז בעזארגט. פערזאנדט פער נאכנאהמע

G. KAPELUSZ, PODGÓRZE Nr. 3.

ניכט קאָנפענירענדעס ווירד רעטור גענאממען, נעגען היעזיגע רעפערענצען אויך אהנע נאכנאהמע

# אלטער הארנער

קאנצעסיאנירטער שטיינמעטצמייסטער

## לאגער פון מצבות

אויס מארמאר, גראניט און סיעניט.

**A. HORNER Krakau, Methgasse 37.**

# וויר עמפפעהלען ביליג לאזע

נעגען מאנאטליכע טהיילצאהלונגען, פאן 3 ביז 200 קראָנען [illegible]

שפּיעלרעכט ואפארט נאך ערלאג דער ערסטען ראטע

צור ציעהונג פאם 1 יוני עסטער. קרעדיט לאזע פאם יאהרע 1858 37 a 16 K.

טירקישע 400 פראנקס לאזע 38 a 6 K

צור ציעהונג פאם 1 יולי.

וויענער קאממונאל לאזע 38 a 17 K הויפטטרעפער צו 30.0000 K

**„Mercur-Wechselstube“ Brüder Eibenschutz**

אין **Krakau**, רינג 5.

Zjednoczone austryackie akcyjne towarzystwo żeglugi parowej

# „Austro-Americana“



**Regularna i bezpośrednia komunikacya z Austryi do Ameryki, Kanady i t. d.**

| Rozkład jazdy. | | Ceny jazdy z Krakowa: | | |
|---|---|---|---|---|
| a) z Tryestu do Now. Yorku: | | I. klasy | II. klasy | III klasy |
| Argentyna | 24 kwietnia | k 431·40 | k 330·10 | k 208·80 |
| Alice | 8 maja | » 431·40 | » 330 10 | » 208·80 |
| Laura | 15 maja | » 431·40 | » 330 10 | » 208·80 |
| Oceania | 22 maja | » 431·40 | » 330·10 | » 208·80 |
| Martha Washington | 29 maja | » 431·40 | » 355 10 | » 223·80 |
| Argentyna | 12 czerwca | » 431·40 | » 330 10 | » 208 80 |
| Alice | 26 czerwca | » 431·40 | » 330·10 | » 208 80 |
| Laura | 3 lipca | » 431 40 | » 330 10 | » 208·80 |
| Oceania | 10 lipca | » 431·40 | » 33..10 | » 208·80 |

Dla pasażerów jadących przez Nowy-York do Kanady obniżają się powyższe ceny o K. 20·—

Ceny zawierają już amerykański podatek.

| b) z Tryestu do Argentyny przez Rio de Janeiro: | | | | |
|---|---|---|---|---|
| Zofia Hohenburg | 19 maja | k 881·40 | k 655·50 | k 138·80 |
| Franceska | 30 czerwca | » 881·40 | » 655·50 | » 138·80 |
| Zofia Hohenburg | 4 sierpnia | » 881·40 | » 655·50 | » 138·80 |
| Cena międzypokładowa Kraków — Rio de Janeiro . . . . . . . . . . | | | | » 138·80 |

Zmiany zastrzega się.

Jeneralna Ajencya dla Galicyi i Bukowiny i sprzedaż kart okręgowych

# Goldlust i Spółka

## Kraków, ul. Lubicz l. 7.

naprzeciw dworca kolejowego

Lwów, ul. Na Błonie l. 2. — oraz wszystkie prowincyonalne ajencye

Biuro spedycyjno-komisowe. Zastępstwo Austryackiego i p. »Lloydu«.



# „Muzyka“

## Podgórze, Rynek

Gmach Magistratu

**Fabryczny skład orkiestryonów, gramofonów i pathefonów, oraz płyt najnowszych zdjęć, po cenach konkurencyjnych także na dogodne spłaty miesięczne.**

Katalogi gratis i franko.

Wysyła na prowincyę uskutecznia się odwrotną pocztą.

Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.